

# דעם רבינ'ס ליכט

בס"ד

מטות מסעי תשפ"א

גליון 50

אַיְיעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

א גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.

קִינְדֶערלֶעךְ, לָאמִיר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְן אַז עס שְׁטֵייט אַ גְרוֹיסֶע שֵׁיינֶע זַאל, אוֹיסְגֶעצִירְט מִיט גַאר שֵׁיינֶע בִּילְדֶער און וֶוען אַ אִיד טוּט עֶפֶּעס אַ מִצְוָה אָדֶער אַ גוּטֶע זַאךְ גְלַייךְ גֵייט דִי מִצְוָה אַרַיין אִין דֶעם שֵׁיינֶעם בִּנְיָן און עס וֶוערְט פוּן דֶעם הֶערְלִיכֶע קָאלִירְטֶע בִּילְדֶער, שֵׁיינֶע מָאלֶערַייעֶן און פַּארְהַאנְגֶען א.ד.ג. וֶוער קֶען זִיךְ אוֹיסְמָאלְן דָאס שֵׁיינְקַייט פוּן דֶעם בִּנְיָן.

דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "בֵּית קָדְשֵׁנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ", אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער שֵׁיינֶער הוֹיז" ווייל דָארְט פְלֶעגְט שֵׁיינֶען און לַייכְטְן דִי מַעֲשִׂים טוֹבִים און מִצְוֶוה'לֶעךְ פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַלֶע גוּטֶע זַאכְן און מִצְוֹת וָואס דִי אִידְן הָאבְן גֶעטוּן אִיז אַרוֹיף אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ און אִיז גֶעוָוארְן דָארְטְן אוֹיסְגֶעמָאלְן פוּן דֶעם הֶערְלִיכֶע קָאלִירְן און בִּילְדֶער. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען דָארְט דֶער מְקוֹר פוּן דִי תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי עס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה כִּי יִפָּלֵא מִמְּךָ דָבָר.. וְקַמְתָּ וְעָלִיתָ אֶל הַמָּקוֹם.

יֶענֶע צַייטְן אוֹיבּ אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען פַאר אַ אִיד עֶפֶּעס אַ שְׁאֵלָה אִין דִי תּוֹרָה אִיז עֶר אַרוֹיף קַיין יְרוּשָׁלַיִם און דָארְט אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ זֶענֶען גֶעזֶעסְן דִי הֵיילִיגֶע סַנְהֶדְרִין אִין לִשְׁכַּת הַגָּזִית, דָארְט הָאט מֶען מְבָרֵר גֶעוֶוען אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה און בַּאקוּמֶען עֵצוֹת וִויאַזוֹי צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי תּוֹרָה בִּשְׁלֵמוּת.

אַזוֹי אוֹיךְ אִיז אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ גֶעוֶוען דָאס דַאוֶונֶען בִּשְׁלֵמוּת. אַזוֹי וִוי סְ'שְׁטֵייט "וּבָאוּ וְהִתְפַּלְּלוּ אֶל הַבַּיִת הַזֶּה, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיים דַאוֶונֶען זָאגְט מֶען "כִּי בֵיתִי בֵּית תְּפִלָּה יִקָּרֵא לְכָל הָעַמִּים.

דוּרְךְ דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאבְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֶעהַאט אַ שֵׁיינְקַייט, ווייל דָארְט אִיז פַארְצַייט גֶעוָוארְן אַלֶע זִינְד פוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דִי אִידְן הָאבְן גֶעהַאט אַ גֶעוַואלְדִיגְן הִתְפָּאֲרוּת, אַלֶע פֶעלְקֶער הָאבְן גֶעוואוּסְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער בַּארִימְט זִיךְ מִיט זַיין פָאלְק.



אוֹיף דִי אַלֶע זַאכְן קְלָאגְן מִיר און מִיר בֶּענְקֶען זִיךְ צוּ דֶעם, מֶען פִירְט זִיךְ דִינִים און הֲלָכוֹת פוּן דִי דְרַיי וָואכְן צוּ ווייזְן אַז מִיר זֶענֶען זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְיַיאֵשׁ, נָאר מִיר הָאפְן יֶעדְן טָאג אוֹיף דִי גְאוּלָה, אַזוֹי וִוי רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ בְּרֶענְגְט אִין אָנְהֵייבּ מְגִלַּת אֵיכָה "הָיְתָה כְּאַלְמָנָה", כְּלַל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אִיצְטֶער אַזוֹי וִוי אַן אַלְמָנָה, נִישְׁט אַן אַלְמָנָה מַמָּשׁ, נָאר אַזוֹי וִוי אַ פְרוֹי וָואס אִיר מַאן אִיז אַוֶועק גֶעפָארְן אוֹיף גַאר אַ ווייטֶע וֶועג אוֹיף זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, און זַיין פְרוֹי וַוארְט און בֶּענְקְט צוּ אִים.

אַזוֹי אוֹיךְ כְּלַל יִשְׂרָאֵל וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין קוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים מִיט אוּנְז, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר דִי אַלֶע וָואס קְלָאגְן און בֶּענְקֶען און וַוארְטְן אוֹיף דִי גְאוּלָה אַז עֶר וֶועט זֵיי צוּרִיק גֶעבְּן דָאס שֵׁיינְקַייט, אַזוֹי וִוי עס שְׁטֵייט לָתֵת לָהֶם "פְּאֵר" תַּחַת "אֵפֶר".

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת און מִיטְן כֹּחַ פוּן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן וֶועלְכֶע זֶענֶען מְקַיֵּים בִּפְשִׁיטוּת דִי הֲלָכוֹת פוּן בֵּין הַמְּצָרִים, זֵיי הָאפְן צוּ דִי גְאוּלָה זָאלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דָאס יָאר צוּ זֶען דִי בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט אִיר פְּרַאכְט בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן. (ראשית הגז ד')

ווערט געשריבן; איבערגעקוקט; ניקוד; דעזיינט; געדריקט דורך עטליכע אינגעלייט מאנ"ש וועלכע געבן אוועק זייערע טייערע צייט וואך איין וואך אויס, להפיץ דעת רבינו בעולם.

נעמט א חלק אין די הוצאות פונעם גליון רופט:
(518)-323-0376 ID 1657
02-53333-72 #8 אין ארץ ישראל

דעם רבינ'ס ליכט



# דעם רבינ'ס לייט

**הרה"ח ר' ישראל קארדונער זצ"ל**

**„ווער עס גיט צדקה פאר דעם צדיק ווערט גלייך געבענטשט!"**
(רבינו בתורה ע')

**...אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטִיל פוּן סִפְרֵי רַבֵּנוּ וֶועט זַיין אַ תִּקּוּן אוֹיף אַלְדִינְג,** (ר' נתן לפני הפטירה:)

**... אִיהר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט און מִיט רָצוֹן און מִיט טִרְחָא.**

**נעמט א חלק די וואך אינעם קאמפיין, וויפיל איר קענט געבן!**

אֵיינֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגֶע תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חִידוּשׁ אִין זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, אִיז גֶעוֶוען ר' יִשְׂרָאֵל הַיילְפְּרִין זַצַ"ל, מֶען פְלֶעגְט אִים אוֹיךְ רוּפְן ר' יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער. עֶס אִיז שְׁוֶוער צוּ בַּאשְׁרַייבְּן זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטִיל אוּן בַּאשֵׁיידְן נָאר צְוִוישְׁן אִים אוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, וֶוער עֶס הָאט נָאר גֶעקוּקְט אוֹיף זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, אָדֶער אֲפִילוּ סְתַּם אַזוֹי זַיין רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, אִיז שְׁטַארְק נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ תְּשׁוּבָה. גָאר אַסַאךְ שָׁעָה'ן פְלֶעגְט עֶר פַארְבְּרֶענְגֶען אִין וַואלְד צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער, דָארְטְן לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

זַיין רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד, אַזוֹי וִוי זַיין תַּלְמִיד ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער אָדֶעסֶער זַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט אִים אַמָאל גֶעטְרָאפְן אִין וַואלְד אוּן גֶעהֶערְט וִוי עֶר לֵייגְט פָאר זַיינֶע שְׁאֵלוֹת פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ מוֹרָאדִיגֶע זִיסְקֵייט אוּן תְּמִימוּת: „טַאטֶע, פוּן אֵיין זַייט וִויל אִיךְ אַזוֹי טוּן, אָבֶּער פוּן צְוֵוייטְן זַייט אִיז אַזוֹי אוּן אַזוֹי וָואס זָאל אִיךְ טוּן? דִי פֵּירוֹת פוּן זַיין פִיל הִתְבּוֹדְדוּת פְלֶעגְט מֶען זֶען אוֹיף זַיין גֶעוַואלְדִיגֶע יִשּׁוּב הַדַּעַת, אוּן דֶעם חֵן שֶׁל אֱמֶת וָואס הָאט גֶעשַׁיינְט פוּן זַיין לִיכְטִיגְן גֶעזִיכְט.

ר' חַיִּים אִיטְשֶׁע כֹּהֵן וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ חָשׁוּבֶ'ער בִּיאַנֶ'ער חָסִיד, אִיז אַמָאל גֶעפָארְן מִיט זַיין זוּהְן ר' מֹשֶׁה, אַרַיינְצוּגֵיין צוּ עֶטְלִיכֶע צַדִּיקִים אִין חוּץ לָאָרֶץ, אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק פוּן חוּץ לָאָרֶץ קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, פָארְנְדִיג אוֹיפְן שִׁיף הָאבְן זֵיי אָנְגֶעטְרָאפְן ר' יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער וָואס אִיז דֶעמָאלְס אוֹיךְ גֶעפָארְן זַיין נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זֵיי הָאבְן זִיךְ אַזוֹי צַאמְגֶערֶעדְט צוּזַאמֶען, וֶוען ר' חַיִּים אִיטְשֶׁע הָאט פְּלוּצְלוּנְג גֶעפְרֶעגְט: „זָאג מִיר ר' יִשְׂרָאֵל הָאט אִיר בַּאקוּמֶען אַ פַּאסְפָּארְט צוּ אַרַיינְקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, (עֶס אִיז דֶעמָאלְס גֶעוֶוען אִין דִי צַייט וָואס דִי טֶערְקְן הָאבְן גֶעוֶועלְטִיגְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען אַ פַּאסְפָּארְט אַרַיינְצוּגֵיין) צוּ זַיין ווּאוּנְדֶער הָאט אִים ר' יִשְׂרָאֵל גֶעעֶנְטְפֶערְט נֵיין! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּאסְפָּארְט!

אוֹי וֵויי, הָאט זִיךְ דֶער חָסִיד זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, וִוי אַזוֹי פָארְט אִיר אַזוֹי רוּאִיג, אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַז דִי טֶערְקְן זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג, קֶען זַיין אַז דִי גַאנְצֶע לַאנְגֶע נְסִיעָה אוֹיפְן שִׁיף אוּן דִי גֶעלְט מִיט דִי טִרְחָה אִיז אַלֶעס אוּמְזִיסְט, דִי טֶערְקְן וֶועלְן אַייךְ נִישְׁט לָאזְן אַרַיינְגֵיין אָן פַּאפִּירְן.

אָבֶּער ר' יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעבְּלִיבְּן גֶעלַאסְן, אוּן הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: „אִיךְ הָאבּ זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען וֶועגְן דֶעם, מַיין רֶבִּי ר' נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב זי"ע הָאט גֶעלֶערְנְט אַז צוּ דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אֲפִילוּ נָאר מִיטְן גֵיין ד' אַמּוֹת אִין דִי הֵיילִיגֶע לַאנְד, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר, מִמָּה נַפְשָׁךְ אוֹיבּ וֶועט מֶען מִיר לָאזְן אַרַיינְגֵיין אִיז זִיכֶער גוּט, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט, אִיז דָאךְ דָא אַ שְׁטִיקְל וֶועג פוּן וואוּ דִי שִׁיף דֶערְגְרַייכְט דֶער בְּרֶעג פוּן יַם, בִּיז דִי פְלַאץ וואוּ דִי שׁוֹמְרִים שְׁטֵייעֶן אוּן קוּקְן אִיבֶּער דִי פַּאפִּירְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אִיז דָא מֶער וִוי פִיר טְרִיט צוּ גֵיין, קֶען טַאקֶע זַיין אַז זֵיי וֶועלְן מִיר בַּאלְד אַהֵיים שִׁיקְן צוּרִיק, וֶועל אִיךְ כָאטְשׁ מִיט דִי קוּרְצֶע וֶועג פוּן דִי שִׁיף בִּיז דִי שׁוֹמְרִים, זוֹכֶה זַיין מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף צוּ זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

צוּם סוֹף הָאט ר' יִשְׂרָאֵל זוֹכֶה גֶעוֶוען אוֹיסְצוּפִירְן זַיינֶע הֵיילִיגֶע כִּסּוּפִים לַפּוֹעַל, מֶען הָאט אִים גֶעלָאזְט אַרַיינְקוּמֶען אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָן קַיין שׁוּם עִכּוּב אָדֶער שְׁטֶער. ר' מֹשֶׁה כֹּהֵן הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר הָרַב הֶחָסִיד ר' יִשְׂרָאֵל נַחְמָן בּוּרְשְׁטֵיין זַ"ל אוּן הָאט אִים גֶעזָאגְט: „מַיין טַאטֶע אִיז אַזוֹי נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דִי תְּמִימוּת'דִיגֶע תְּשׁוּבָה פוּן ר' יִשְׂרָאֵל, אוּן הָאט מִיר גֶעזָאגְט: „גֶעבּ אַ קוּק דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַן אֱמֶת'ע אֱמוּנַת צַדִּיקִים מִיט אַזַא פַּשְׁטוּת, וָואס קֶען צֶעבְּרֶעכְן אֲפִילוּ אַזֶעלְכֶע אַייזֶערְנֶע מוֹיעֶרְן".

(אוֹצָר נַחֲמֵנִי קי"ד)

# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



אֵיינְמָאל אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְזֶער בִּנְיָן אַ שְׂרֵפָה, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעדַאוְונְט צוּ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאלְן מִיר גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אַז דִי פַייעֶר זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אוּנְזֶער שְׁטוּבּ, עֶס הָאט נָאךְ אָנְגֶעיָאגְט אַבִּיסֶעלֶע צוּ בְּרֶענֶען, אָבֶּער בְּחַסְדֵי הַשֵּׁם הָאט מֶען עֶס בַּאצַייטְנְס פַארְלָאשְׁן. גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז דִי פַייעֶר פַארְלָאשְׁן גֶעוָוארְן אִין דִי רִיכְטִיגֶע צַייט.




**אֵלִיָּהוּ**

## "לְכָבוֹד דֶעם רֶבִּינְ'ס לִיכְט"

בָּרוּךְ ה' גֶעלוֹיבְּט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַז אִיךְ קֶען נָאכְאַמָאל פַארְצֵיילְן אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה'לֶע, אַ לוֹיבּ צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן!

דִי וָואךְ בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען אַיינְקוֹיפְן אוּן בְּשָׁעַת אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען בַּאצָאלְן הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז דִי קְרֶעדִיט קַארְטְל אַרְבֶּעט נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעוְואוּסְט אַז עֶס דַארְף אַרְבֶּעטְן, ווייל אַ שָׁעָה פַארְדֶעם הָאט עֶס גֶעאַרְבֶּעט, אָבֶּער יֶעצְט נִישְׁט.

בִּין אִיךְ אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן גֶעבֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַרְבֶּעטְן, וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט מִתְפַּלֵּל זַיין בִּין אִיךְ צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן זִיכֶערְקַייט אַז דִי קַארְטְל וֶועט אַרְבֶּעטְן מִיט'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

אִיךְ קוּם אָן אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן דֶער אַרְבֶּעטֶער הָאט גֶעלַאכְט פוּן מִיר אַז אִיךְ קוּם צוּרִיק מִיט'ן זֶעלְבְּן קַארְטְל, אָבֶּער עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל, וֶוען בְּשַׁעַתְ'ן אַרִיבֶּערְפִירְן דָאס קַארְטְל בִּין אִיךְ מִתְפַּלֵּל אַז אוֹיבּ עֶס וֶועט אַרְבֶּעטְן וֶועל אִיךְ בְּלִי נֶדֶר אַרַיינְשִׁיקְן דִי מַעֲשֶׂה אִינֶעם גִּלְיוֹן צוּ מְפַרְסֵם זַיין אוּן בָּרוּךְ ה' נָאר מִיט תְּפִלָּה אוּן דִי זֶעלְבֶּע קַארְטְל וָואס הָאט מִיט אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה צוּרִיק נִישְׁט גֶעאַרְבֶּעט הָאט שׁוֹין יֶעצְט גֶעאַרְבֶּעט מִיט'ן כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה.

וֶוער עֶס ווִיל קֶען זַיין אַ מְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים! וֶוען עֶר וֶוערְט גֶעהָאלְפְן אוּן עֶר זֶעט אַ יְשׁוּעָה זָאל עֶר דָאס נִישְׁט הָאלְטְן פַאר זִיךְ נָאר פַארְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע, עֶס זָאל מְחַזֵּק זַיין אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי עֵצָה פוּן אַלֶע עֵצוֹת.




**מֵיילֶעך**

הערליכע קארטלעך, מיט גאר איידעלע בילדער, ווערטער פון רבי'ן, אראפגעברענגט פאר די צעירי הצאן. די קארטלעך גייט יעצט נאכאמאל צום דרוק צו ווערן צושפרייט אין תלמודי תורה און ברסלב'ע שול'ן. די קינדער וועלן גיין מיט'ן רבי'ן ווי אימער.



# לגאמיר זיך פארהערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די דריטע מעשה
## מעשה פון חיגר (3) סוף




**א. ווער דערציילט די מעשה פון דעם חכם - זקן ? פאר וועמען?**
- ❑ דער מלך צו דער וואלקן
- ❑ דער שליח צו דעם מלך
- ❑ דער וואלקן צו דעם שליח

**ב. וואס איז געווען דער קיסר?**
- ❑ א חכם
- ❑ א גרויסער חכם
- ❑ א גרויסער אפיקורס

**ג. וואס האט ער געמאכט די גאנצע מדינה?**
- ❑ פאר חכמים
- ❑ פאר גרויסע חכמים
- ❑ פאר אפיקורסים

**ד. צו וואו, וויל זיך דער חכם אוועקלאזן? און פארוואס?**
- ❑ אין א אנדערע שטאט, צו האבן וואס צו עסן
- ❑ אין א אנדערע שטאט, נישט צו ווערן גע'הרג'עט
- ❑ אין מדבר, כדי צו בלייבן ביי אונזער אמונה

**ה. וויאזוי איז דער חכם דארט אנגעקומען?**
- ❑ דורך א שם
- ❑ מיט א שיף
- ❑ ער איז געגאנגען צופיס

**ו. די וויפילטע פלאץ איז אים געפעלן?**
- ❑ די ערשטע
- ❑ די צווייטע
- ❑ די דריטע

**ז. וואס האט דער חכם געמאכט אז מ'זאל נישט קענען צוטרעטן צו זיי?**
- ❑ א גרויסער מויער
- ❑ א עגול ארום זיי
- ❑ ער איז אריין אין א פאלאץ

**ח. וואס וואלט געשען ווען מ'טרונקט אן דעם בוים?**
- ❑ וואלט פון די שדים גארנישט געבליבן
- ❑ וואלטן די שדים משוגע געווארן
- ❑ וואלטן די שדים באקומען כח

**ט. פארוואס איז נישט גענוג אז מ'גראבט איין מאל ארום דעם בוים?**
- ❑ ווייל די רעדערס מאכן קריג צווישן מלכים, ווערט מלחמות, קען צוקומען וואסער צו דעם בוים
- ❑ ווייל די רעדערס מאכן קריג צווישן מלכים, ווערט מלחמות, ווערט ערד ציטערנישן, פאלט די ערד ארום דעם גראבן, קען צוקומען וואסער צו דעם בוים
- ❑ ווייל ס'קומט א גאנצן צייט וואסער פון טייך

**י. פארוואס פרובירט דער מלך פון די שדים צו אויסרייסן דעם בוים?**
- ❑ ווייל אויב וואלט דער בוים נישט געווען, וואלט געווען זייער גוט פאר די שדים
- ❑ ווייל מיט דער בוים קען ער בויען אסאך זאכן
- ❑ ווייל ער וויל דארטן מאכן א וועג

**יא. פארוואס איז ער נישט מצליח צו אויסרייסן דעם בוים?**
- ❑ ווייל ס'איז זייער א שטארקער בוים
- ❑ ווייל מ'נעמט אים צו די כח
- ❑ ווייל די בוים געבט א געשריי פאלט אויף אים א גרויסע פחד

**יב. האט דער מלך געקענט אריין גיין צום זקן [חכם]?**
- ❑ יא! דורך כישוף
- ❑ ניין! ער איז בכלל נישט אריין
- ❑ דער חכם האט אים געעפנט א טירל

**יג. וואס האט דער מלך געטון צו ווייזן זיין כח?**
- ❑ ער איז געווארן א וואלקן
- ❑ ער האט ארויס גענומען א גרויסע שווערד
- ❑ ער איז געווארן זייער גרויס ביז אין די הימל

**יד. וואס האט דער חכם געטון?**
- ❑ ער האט ארויס געטראגן דעם מלך פון דעם עיגול
- ❑ ער האט זייער מורא געהאט און זיך מכניע געווען
- ❑ ער האט אביסל מתפלל געווען זענען גע'הרג'עט געווארן די שרי מלוכה

**טו. וואס האט דער מלך געזאגט פאר דעם זקן ?**
- ❑ ער זאל אוועק גיין פון דעם פלאץ
- ❑ אז ער האט נישט מורא
- ❑ ער האט אים צוגעזאגט אז זיי וועלן קיינמאל נישט מזיק זיין, זיין גאנצע משפחה

**טז. וואס האט דער זקן געזאגט ביי די צוואה ?**
- ❑ אז אויב ס'פעלט אויס קען מען נוצן בקדושה די ספר פון די משפחות פון די שדים
- ❑ אז מ'זאל נישט נוצן מיט דעם ספר, נאר האבן אמונה אין השי"ת
- ❑ אז מ'זאל פארברענען דעם ספר

**יז. וואס האט דער אייניקל געטון ווען די מדברים האבן אים צוגערעדט צו נוצן דעם ספר?**
- ❑ ער האט זיך נישט וויסענדיג געמאכט
- ❑ ער האט זיך גענוצט מיט דעם ספר
- ❑ ער איז געפארן צו זיין זיידנס קבר און אים געפרעגט וואס צו טון

**אִיז פוּן זֵיי גָארנִישְׁט גִיבְּלִיבֵּען. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיוָוארִין גָארנִישְׁט. אָמֵן. - מיט פיל הצלחה**

צו ענטפערן
די בחינות און
אריינגיין אינעם גורל,
02-5-3333-72
646-518-1095
1-518-329-9149

צו הערן די געווינער
דרוק נומער 4

~ ~ ~

הגליון נתנדב לע"נ
האה"ח טשארנא בת
ר' חיים יחזקאל ע"ה
היארצייט ביום שבת
מטו"מ






גליון "דעם רבינ'ס מעשיות" + טעלעפאן ליין, ווי הונדערטער קינדער זענען איינגעשריבן, א גרויסע צאל פון זיי האלטן מיט יעדע וואך די בחינות און גייען מיט די הייליגע לשונות פון רבינ'ס מעשיות אין זייער טאג-טעגליכע לעבן. ספעציעלע גורלות און מתנות.



נדרים פלוס
ככה תורמים היום.

זייט אייך משתתף די וואך מיט'ן קאמפיין, איר קענט געבן אייער תרומה דורך נדרים פלוס ביי "דעם רבינ'ס ווינקל"